**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול ברייטערט אויס דרויסנדיגע פארוויילונג צוטריט פאר ניו יארקער מיט עפענונג פון BIG BEND פרעזערוו ביי מאראָ לעיק סטעיט פארק**

***פרעזערוו אפפערט 860 אקער פון פלאץ פאר פילפארביגע ווילדע באשעפענישן צו לעבן נייע טרעילס פאר ניו יארקער צו הנאה האבן פון הייקינג, רייטן אויף פערד און אנדערע דרויסנדיגע פארוויילונגען***

***טייל פון גאווערנער האקול'ס "אוועקגיין פון די סקרין, ארויס אינדרויסן" זומער קאמפיין***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון די Big Bend פרעזערוו ביי מאראָ לעיק סטעיט פארק פאר די פובליקום צו באזוכן. די פרעזערוו לייגט צו 860 אקער צו מאראָ לעיק סטעיט פארק – אומגעפער די גרויסקייט פון צענטראל פארק אין ניו יארק סיטי – און עס מאכט מאראָ לעיק פאר איינס פון די צען גרעסטע פארקס צווישן אלע סטעיט פארקס. די פרעזערוו וועט צושטעלן סיי פארוויילונג אקטיוויטעטן פאר באזיכער און וויכטיגע שטחים פאר ארטיגע באשעפענישן צו לעבן. די עפענונג בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס "[אוועקגיין פון די סקרין, ארויס אינדרויסן](#)" (Get Offline, Get Outside) זומער קאמפיין צו שטופן פאר פיזישע און גייסטישע געזונטהייט דורכן העלפן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס אראפלייגן זייערע טעלעפאנען און קאמפיוטערס, נעמען א פויזע פון סאָושעל מידיע און געניסן פון פארוויילונג און דרויסנדיגע געזעלשאפטליכע פארזאמלונגען.

"מאראָ לעיק סטעיט פארק איז באליבט פאר אירע אויסערגעווענטליכע דרויסנדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן, פון קאיאק שיפלעך ביז אירע טרעילס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דעם זומער, מוטיג איך ניו יארקער צו אוועקגיין פון זייערע סקרינס און ארויסגיין אינדרויסן צו די נייע Big Bend פרעזערוו, א געוואלדיגע נייע פלאץ זיך צו פארבינדן מיט די נאטור און געניסן פון די דרויסנדיגע לופט."

מיט א פאנאראמישע אויסבליק אויף די בערג, צוטריט צו די האדסאן ריווער און א פילפארביגע רייע פון באשעפענישן און פלאנצונגען, קענען באזיכער געניסן פון פארשידענע פארוויילונג אקטיוויטעטן. ביים עפענונג וועט די פרעזערוו האבן צוויי טרעילס זיך ציהענדיג איבער זעקס מייל אין די לענג. פארוויילונג אקטיוויטעטן רעכענען אריין הייקינג, זעהן פויגלעך און אנדערע ווילדע באשעפענישן, רייטן אויף פערדן און ווינטער ספארטס וואס נוצן נישט קיין מאטאר ווי זיך גליטשן אויף שניי שיך און 'קראס-קאנטרי' סקיען. די שטח פון די פרעזערוו איז אממערסטנס פלאך, אפפערנדיג א גרינגערע אפציע ווי די בערגיגע טרעילס ביי די מאראָ לעיק סטעיט פארק אויף די פאלמערטאון בערג.

אין די פארגאנגענהייט גענוצט צו האקן האלץ, האט די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס אפגעקויפט די שטח אין צוזאמענארבעט מיט די Open Space Institute (OSI). זינט עס איז אפגעקויפט געווארן,

זענען באמיאונגען אונטערגענומען געווארן צו אפלערנען די שטח; אוועקנעמען פרעמדע פלאנצונגען; אראפשניידן פרעמדע בוימער; אוועקשטעלן קלענערע שטחים צו נאכפאלגן די פלאנצונגען; אינסטאלירן רערן וואס פארמיידן פון ביבערס צו אפשטעלן די פלוס פון וואסער צו פארמינערן פארפלייצונגען; אוועקנעמען פארעלטערטע צוימען; און אויפבויען טרעילס.

די פרעזערוו קומט מיט ברייטע פלאץ פאר באשעפענישן און פלאנצונגען צו לעבן, פון די האדסאן ריווער ברעגעס און פארבינדענע וואסערן און וויזעס ביז טרוקענע העכערע וועלדער און פעלדער. בשותפות מיט די דרום עדיראַנדעק אפטיילונג פון די Audubon Society, זענען איבער 100 מינים פון פויגלעך דאקומענטירט געווארן אויפן שטח.

די הויפטזעכליכע עקאלאגישע ציהלן זענען צו באשיצן און באריייכערן די פילפארביגקייט פון באשעפענישן און פלאנצונגען אויפן פרעזערוו און צו אויפרעכטן איבער 400 אקער אין אומפרוכטבארע שטחים. די שטח'ס זאמדיגע ערד און אפענע פעלדער גיבן אן אויסערגעווענטליכע געלעגנהייט צו אויפרעכטן די אומפרוכטבארע שטחים וואס פארלאנגען זיך פאר זעלטענע ספעציעלע מינים פון באשעפענישן זיך אויפצוהאלטן, ווי צום ביישפיל די 'קאַרנער בלוּ' זומער פויגל (באטערפליי) – דעזיגנירט דורך די פעדעראלע רעגירונג צו זיין אין געפאר פון פארניכטונג – און די 'פראסטעד עלפין' זומער פויגל – דעזיגנירט אלס באדראהטע באשעפעניש דורך די סטעיט – צו קענען בליהען. די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס האט געארבעט צוזאמען מיט די Albany Pine Bush Commission, די NYS דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) און די פאראייניגטע שטאטן פיש און ווילדע באשעפענישן סערוויס (US Fish and Wildlife Service) צו אויפקומען מיט פלענער צו אויפרעכטן איבער 400 אקער פון אומפרוכטבארע שטח און צו אוועקשטעלן די Big Bend פרעזערוו אלס רעזערוו פאר די 'קאַרנער בלוּ' זומער פויגל צוזאמען מיט די אלבאני Pine Bush און סאראטאָגע Sand Plains ביי די Wilton Wildlife פרעזערוו און פארק.

די עפענונג פון די פרעזערוו שטיצט אויך די סטעיט'ס ציהל צו אפהיטן 30 פראצענט פון אירע לענדער און וואסערן ביז 2030, אין איינקלאנג מיט די גלאבאלע ['30 ביז 30' איניציאטיוו]() צו באשיצן די וועלט'ס לענדער און וואסערן.

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאָנס, האט געזאגט,** "Big Bend איז אן אייגנארטיגע צוגאב צו אונזערע פארקס. ענווייראמענטאלע אחריות'דיגקייט איז א קריטישע טייל פון אונזער אגענטור'ס מיסיע און עס איז געווען אין צענטער פון אונזער ארבעט פאר די פארגאנגענע 100 יאר. Big Bend איז א גוטע ביישפיל פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו אויפרעכטן אונזערע ווילדע שטחים און זיי מיטטיילן כדי די פובליקום זאל קענען האבן די ערפארונג פון די וואונדערס פון נאטור. דאס עפענען Big Bend איז א ווארעם-אויפגענומענע הויכפונקט דורכאויס די יאר פון די הונדערטסטע יארטאג."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט צו פייערן די עפענונג פון די נייע Big Bend פרעזערוו, אן 860-אקער-גרויסע שטח וואס וועט מאכן מאראָו לעיק סטעיט פארק פאר איינס פון די צען גרעסטע פארקס צווישן די ניו יארק סטעיט פארקס. די צוגאב וועט אונז העלפן ארויפבויען אויף אונזערע באמיאונגען צו פרעזערווירן די נאטורליכע היסטאריע פון אונזער הויפטשטאט ראיאן, טראנספארמירנדיג א שטח וואס פלעגט גענוצט ווערן צו האקן האלץ צו ווערן א זיכערע וואוינונג פלאץ פאר ארטיגע באשעפענישן און פלאנצונגען און א שטח פאר פארוויילונג און באמיאונגען צו אויפרעכטן סיסטעמען פון באשעפענישן און פלאנצונגען. גייענדיג פאראויס, קען איך נישטווארטן צו זעהן די צוגאב אהערברענגענדיג נייע געלעגנהייטן פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך צו געניסן פון די נאטורליכע שיינקייט פון אונזער הויפטשטאט ראיאן."

**סטעיט סענאטאר דזשים טעדיסקאָו האט געזאגט,** "מאראָו לעיק סטעיט פארק איז א הערליכע סטעיט פארק און איז א געוואלדיגע נאטורליכע פרעזערוו און א געוואלדיגע אוצר פאר פארוויילונג אין די 44'סטע סענאט דיסטריקט און אין ניו יארק סטעיט. אלס הויכראנגיגער מיטגליד אויף די סענאט קולטורישע אנגעלעגנהייטן, טוריזם און פארקס און פארוויילונג קאמיטע, און אלס דער סענאטאר וואס פארטרעט סאראטאָגע קאונטי, דערפרייידט דאס מיר אז די סטעיט לייגט צו 860 אקער צו די פארק און מאכט עס צוגענגליך פאר מענטשן כדי צוקונפטיגע דורות זאלן קענען באזוכן און געניסן פון די אומבארירטע אינזל פון נאטור. א דאנק פאר די גאווערנער, די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס און די Open Space Institute פאר זייער ארבעט אויף דעם פראיעקט וואס איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן."

**אסעמבלי מיטגלידערין קערי ווארנער האט געזאגט,** "די Big Bend פרעזערוו איז א ווארעם-אויפגענומענע צוגאב צו מאראָו לעיק סטעיט פארק. פלאכע שטח איז אביסל שווער צו טרעפן אין די עדיראַנדעקס. די צוגאב פון די פרעזערוו וועט באדייטנד פארמערן די פארק'ס צוגענגליכקייט, ערמעגליכנדיג פאר מער מענטשן צו הנאה האבן פון אירע רייכע פלאנצונגען און ווילדע באשעפענישן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטיצע פון די פארק'ס אויסברייטערונג און פאר איר קאנצענטראציע אונז צו אלע העלפן אוועקגיין פון די סקרינס און ארויסגיין אינדרויסן. אונזערע צענערלינגען נויטיגן זיך באזונדערס אין געזונטע זאכן זיי צו אוועקציהען פון זייערע סעלפאונס. די הנאה פון נאטורליכע שיינקייט, פרישע לופט און דרויסנדיג אקטיוויטעטן – אלעס זאכן וואס די Big Bend פרעזערוו אפפערט – זענען טייל פון די בעסטע אלטערנאטיוון צו צייט אויפן סקרין. מיר זענען מזל'דיג אז אונזער געוואדליגע סטעיט איז א היים צו די סטעיט פארק וואס איז יעצט אפילו גרעסער."

**OSI טשיעף קאנסערוועישען ענד פאליסי אפיסער, קעטי מאָוסער, האט געזאגט,** "די Open Space Institute איז שטאלץ צו האבן געשפילט א וויכטיגע ראלע אין די אפהיטונג פון די Big Bend פרעזערוו. עס איז א לאנדשאפט וואו די OSI ארבעט שוין פאר צענדליגע יארן — איבער די פארגאנגענע 20 יאר האבן מיר צוגעלייגט מער פון 4,250 אקער צו מאראָו לעיק סטעיט פארק, טריפלענדיג די גרויסקייט דערפון. די Big Bend פרעזערוו שטיצט קריטישע אינציאטיוון פאר די פילפארביגקייט פון באשעפענישן און פלאנצונגען און עס בארייכערט די פארק'ס אויסגעצייכנטע גאנץ-יאריגע פארוויילונג געלעגנהייטן. עס איז א גאר גוטעביישפיל פון וויאזוי קלוגע, איבערגעגעבענע לאנד באשיצונג קען ברענגען בענעפיטן וואס קומען אן צו מענטשן, קאמיוניטיס און ווילדע באשעפענישן."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Saratoga PLAN (Preserving Land and Nature [פרעזערווירן לאנד און נאטור]), ראבערט דעיוויס, האט געזאגט,** "די Big Bend פרעזערוו איז א קריטישע חלק פון די שטח פון די דרום פאלמערטאון פראיעקט, און עס איז א צענטראלע חלק פון די חזון פאר א 13-מייל-לאנגע 'הויפט טרעיל' פון די Sarah B. Foulke Friendship Trails טרעיל נעטווארק, פארבינדנדיג סאראטאגע ספאַ סטעיט פארק צו מאראָו לעיק סטעיט פארק. אלס א שותף אין פאלמערטאון, איז Saratoga PLAN גאר באגייסטערט צו זעהן דעם וויכטיגן חזון ווערנדיג פארווירקליכט, אפפערנדיג נייע געלעגנהייטן צו פארבינדן מענטשן מיט די נאטור בשעת'ן היטן אויף קריטיש-וויכטיגע נאטורליכע קוועלער."

באזיכער קענען צוקומען צו די שטח פון די הויפט ארייגאנג אויף 110 Old Bend Road אין די טאון אָוו מאראָו (לייגט אריין Fort Edward אין מאפע עפּס). פארקינג פאר 20 ביז 30 קארן, ארייגרעכענענדיג פארקינג פאר דיסעיבעלד מענטשן, זענען צוגעשטעלט. די פארק וועט זיין אפן טעגליך פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג פריי פון אפצאל.

פאר מער אינפארמאציע איבער די Big Bend פרעזערוו ביי מאראָו לעיק סטעיט פארק, באזוכט ביטע [https://parks.ny.gov/parks/moreaulake/details.aspx](https://parks.ny.gov/parks/moreaulake/details.aspx). 2024 צייכנט אפ די 100'סטע יארטאג פון די סטעיט פארקס. פייערנדע אינציאטיוון רעכענען אריין ['Blazing A Trail'](#)

(אויספלאסערטנדיג א וועג), אן אינטעראקטיווע פארשטעלונג פון די היסטאריע פון די אגענטור און איינפלוסרייכע פיגורן; אן אויסשטעלונג אין די ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע'ס 'סטעיט סטריט טונעל" וואס איז יעצט ארויסגעלייגט; דער 'טיילט מיט אייער געשיכטע' (Share Your Story) פראיעקט וואס לאדנט איין מענטשן צו דערציילן זייערע אייגענע געשיכטעס אין פארבינדונג צו פארקס און ערטער; די הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש (Centennial Challenge) וואס ערמוטיגט מענטשן צו געווינען פרייזעס דורכן זיך באטייליגן אין פארשידענע אקטיוויטעטן ביי פארקס און ערטער; און די פארעפענטליכונג פון די הונדערטסטע יארטאג קאלעקציע וואס רעכנט אריין העמדער, דזשאקעטן, גלעזער און מער. נאך איניציאטיוון וועלן אנאנסירט ווערן דורכאויס 2024.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און נאך, וועלכע האט געזען א רעקארד 84 מיליאן באזוכן אין 2023. פאר מער אינפארמאציע אויף סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer עפּ אדער רופט 518.474.0456. שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, X (וואס פלעגט הייסן Twitter) און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן